# עולת שבת בשבתו

## ת״ת תורה ויראה דרבינו יואל ד׳סאטמאר

בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

פה ק״ק קרית יואל יצ״ו

בעזהשי״ת | ראש השנה | כיתה ו׳ ז׳ תשע״ב לפ״ק


## דורש טוב

**יום תרועה יהיה לכם:**

דער **רבי ר׳ יונתן אייבשיץ זי״ע** פרעגט פארוואס עס שטייט נישט אין די תורה אז ראש השנה איז דער יום הדין, און דער טעם פון תקיעת שופר עס זאל מעורר זיין לתשובה, עס שטייט בלויז **״יום תרועה יהיה לכם?״**

נאר עס שטייט אין **פרקי דרבי אליעזר** (פרק י׳) אז וועגן דעם איז יונה הנביא אנטלאפן פון די נבואה פונעם אייבערשטן און ער איז נישט געגאנגען מוסר זאגן קיין נינוה, ווייל ער האט מורא געהאט אז די גוים וועלן תשובה טוהן, און עס וועט זיין א קטרוג אויף אידישע קינדער פארוואס זיי טוען נישט תשובה.

די זעלבע זאך איז מיט **ראש השנה**, ווען עס וואלט ווען געשטאנען ארויסגעשריבן אין די תורה אז ראש השנה איז דער יום הדין, און מיטן שופר בלאזן איז השי״ת מוחל די עבירות, וואלטן די גוים שנעל געלאפן תשובה טוהן, און עס וואלט געווען א קטרוג אויף אידישע

## הלכות ומנהגים

## ראש השנה

**ערב ראש השנה**

מען פירט זיך צו זאגן ערב ראש השנה אסאך סליחות, מיט א צובראכן הארץ און פיל כוונה, וואס דאס איז א גרויסע סגולה אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן אין ראש השנה (אלף המגן בשם ספרי מוסר).

ערב ר״ה נאך סליחות מאכט מען התרת נדרים (קצשו״ע), ווי מען איז מבטל די נדרים וואס מען האט געמאכט אין די פארגאנגענהייט, ווי אויך א מסירת מודעה אויף די נדרים וואס מ׳וועט מאכן פון היינט און ווייטער אז זיי זאלן נישט זיין קיין נדר.

ווער עס פארשטייט נישט קיין לשון הקודש זאל זאגן אויף אידיש ״די נדרים און שבועות וואס איך האב געמאכט, און מען קען זיי מתיר זיין, האב איך חרטה אז איך האב דאס גענומען בנדר ושבועה, און מען זאל דאס מיר מתיר זיין״. דערנאך זאגט ער ״איך בין מוסר מודעה אז אויב איך וועל מאכן א נדר אדער א שבועה זאל עס גארנישט ווערד זיין״.

ערב ר״ה בלאזט מען נישט קיין שופר, כדי צו פארמישן דעם שטן ער זאל מיינען אז ס׳איז שוין געווען ראש השנה (מט״מ) אדער כדי צו מאכן א הפסק צווישן די תקיעות וואס מען בלאזט אלס מנהג צו די תקיעות וואס מען בלאזט אלס חיוב (לבוש).

עס איז אן ענין צו גיין אויף קברי צדיקים, און דארט מתפלל זיין און געבן צדקה, כדי די צדיקים וואס רוען אין גן עדן זאלן זיין פאר אונז מליצי יושר (מט״א ס״נ).

יעדער איינער וואס איז שוין העכער די בר מצוה פאסט א האלבן טאג (מט"א סי' תקפ"א).

מען וואשט זיך ארום און מען טובל'ט זיך אין מקוה און מען שערט זיך אפ לכבוד יום טוב, צו צייגן אז מיר טוען זיך שיין מאכן ווייל מיר זענען פארזיכערט אז הקב"ה וועט אונז באשערן א גוט געבענטשט יאר (טור סי' תקפ"א).

היי יאר ווען דער צווייטן טאג ראש השנה געפאלט ערב שבת, מאכט מען א עירוב תבשילין.

## דיני תפלה בר"ה ועשי"ת

ביים דאווענען ראש השנה און די עשרת ימי תשובה, זאגט מען "זכרנו לחיים" פאר מלך עוזר, "מי כמוך" פאר ונאמן אתה, "וכתוב" פאר וכל החיים, "בספר חיים" פאר המברך את עמו ישראל בשלום.

אויב האט ער פארגעסן צו זאגן "זכרנו" אדער איינע פון די אנדערע 3 וואס מען זאגט ביי די שמונה עשרה, און ער האט זיך דערמאנט פאר ער האט געזאגט "ברוך אתה ה'" דארף ער צוריקגיין צו 'זכרנו' און איבערזאגן, אויב האט ער שוין געזאגט דעם "שם" דארף ער נישט איבערזאגן נאר ער זאל ווייטער דאווענען.

אנשטאט "הא-ל הקדוש" זאגט מען "המלך" הקדוש, אנשטאט "מלך אוהב צדקה ומשפט" זאגט מען "המלך המשפט" (די הלכות אויב ער האט זיך טועה געווען, זע אין גליון לשבת שובה)

מען זאגט ביים דאווענען ראש השנה און די גאנצע עשרת ימי תשובה "שיר המעלות ממעמקים" נאך ישתבח, און "אבינו מלכינו" נאך די שמונה עשרה.

## התעוררות ביי די תפילת ימים נוראים

פאר ראש השנה ברויך מען אויסלערנען די פרויען און די קינדער דעם סדר פון דאווענען, כדי זיי זאלן וויסן וואס מען דאווענט און וואס מען לאזט אויס, ווי מען שטעלט זיך אויף, און וואו מען זיצט, וואס דער בעל תפלה זאגט און קינדער, וועגן דעם האט דאס השי"ת פארהוילן פון זיי און נישט געשריבן אין די תורה, נאר אין די תורה שבעל פה האבן דאס חכמינו ז"ל מגלה געווען.

דאס זאגט דוד המלך ע"ה אין תהלים, **מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל**, פאר אידישע קינדער זאגט דער אייבירשטער אויס די חוקים ומשפטים די טעמים פון די מצוות, אבער **לא עשה כן לכל גוי** פאר די גוים טוט דער אייבערשטער נישט אזוי, נאר **ומשפטים בל ידעום**, ווייל זיי ווייסן נישט קיין משפטים די טעמים פון די מצוה טוען זיי נישט תשובה, וועגן דעם **הללוי-ה** ברויכן מיר צו לויבן דעם אייבירשטן, אז עס וועט נישט זיין קיין קטרוג אויף די אידן.

❀ ❀ ❀

**תקיעת שופר חכמה ואינה מלאכה:** חז"ל זאגן אז תקיעת שופר איז א חכמה און נישט קיין מלאכה.

זאגט **הגאון ר' שלמה קלוגער זי"ע** אז פון דעם איז א רמז אז פאר תקיעת שופר דארף מען תשובה טוהן אויף די עבירות וואס מען האט געטוהן, ווייל תקיעת שופר איז דאך א חכמה, און עס שטייט אין פסוק (תהלים קי"א) **ראשית חכמה יראת ה'**, דאס הייסט, אז פאר די חכמה וואס דאס איז תקיעת שופר, ברויך זיין יראת ה' מיט תשובה און תיקון המעשים.

❀ ❀ ❀

**תשליך:** דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** זאגט א טעם בדרך צחות פארוואס מען פירט זיך אין חודש תשרי צו ארייגווארפן די עבירות אין וואסער, און אין חודש ניסן איז די וואסער חשוב און מען שעפט ארויס די וואסער פאר די מצות.

ווייל עס שטייט אין די **ספרים הקדושים** אז אין חודש תשרי דינט מען דעם אייבערשטן מיראה, פון מורא און שרעק פארן יום הדין, און אין חודש ניסן דינט מען דעם אייבערשטן מאהבה און שמחה אויף די אלע נסים וואס דער אייבירשטער האט געטוהן מיט די אידישע קינדער.

די גמרא זאגט (יומא פ"ו ע"ב) אז ווען א איד טוט תשובה מיראה ווערן די עבירות וואס ער האט געטוהן במזיד גערעכענט אזוי ווי ער וואלט עס געטוהן בשוגג, אבער ווען ער טוט תשובה מאהבה ווערן די עבירות איבערגעדרייט אויף מצוות.

קומט אויס אז אין חודש תשרי ווערט פון די עבירות וואס מען האט געטוהן במזיד א שוגג, און אין חודש ניסן ווערט דערפון מצוות.

וועגן דעם **ראש השנה** ווען די עבירות ווערן פון א מזיד א שוגג,ווארפט מען זיי אוועק, ווייל עס איז דאך א עבירה, אבער **פסח** ווען די עבירות ווערן איבערגעדרייט אויף מצוות שעפט מען אויס די וואסער און מען נעמט צוריק די עבירות-מצוות.

*

די גמרא רעכנט אויס אז אום ראש השנה זענען געהאלפן געווארן מיט קינדער שרה, רחל, און חנה. אויך האבן אידן אויפגעהערט צו ארבעטן שווער אין מצרים. און יוסף הצדיק איז ארויסגעגאנגען פון תפיסה אום ראש השנה. (מס' ראש השנה דף י' ע"ב)

וואס דער גאנצער ציבור זאגט, וואו מען זאגט און וואו מען זינגט, כדי מען זאל קענען געהעריג מיטהאלטן דאס דאווענען (מט"א סי' תקפ"א סי' סנ"ח).

ביים דאווענען פון די הייליגע טעג דארף מען פארגיסן טרערן. ביי וועמען עס גייט דורך די הייליגע טעג און ער האט בכלל נישט געלאזט קיין טרערן, איז דאס א סימן אז זיין נשמה איז נישט אין ארדענונג, ווען איינער זעט פלוצלונג אינמיטן דאווענען אז עס באפאלט אים א שטארקע התעוררות און א געוויין, איז דאס א סימן אז יענע רגע משפט מען אים אויבן אין הימל (שם סכ"ח) דארף מען האבן שכל דעמאלטס צו פארמערן מיט תשובה און שנעל אנהייבן צו דאווענען הויך און ערליך, און זיך נישט שעמען פון די שכנים.

בפרט ביי די תפילות וואו מען זאגט די לשונות אז דער אייבערשטער זאל מקבל זיין מיין געוויין, דארף מען זען אז עס זאל נישט אויסזען ווי שקר (ס"ח סי' ר"נ מוב"א בא"ר תקפ"א סק"ט). מען זאל נישט שפארן קיין טרערן ביים דאווענען, ווייל פון אלע עבירות וואס א מענטש טוט ווערן באשאפן שלעכטע מלאכים וואס ברענגען אלע צרות ה"י, און זיי ווערן בטל דורך די טרערן (קב הישר פס"ח, חנוכת התורה פ' משפטים). דער וואס קען נישט וויינען זאל כאטש דאווענען מיט א וויינעדיגע שטימע (ס' ווי העמודים עמוד העבודה פ"י, ושל"ה עניני תפלה וקה"ת, וברכ"י יור"ד שצ"ה).

דורכן דאווענען מיט א געוויין צוברעכט מען אלע שלעכטע גזירות (מט"מ ח"א סי' ס"ג) און דער וואס וויינט ביים דאווענען, וויינען מיט אים מיט אלע שטערנס און מזלות און זיין תפלה ווערט אנגענומען (שלטי הגיבורים על מרדכי ברכות פ"ד סק"ה, ס"ח ק"ל).

דורכן וויינען ביים דאווענען און אפוואשן דעם שטערן מיט די טרערן ווערן אפגעמעקט די צייכענס און פלעקן פון די עבירות וואס זענען דארט פארצייכנט, ווייל דארט איז דאס פלאץ וואו אלע עבירות ווערן איינגעקריצט (זוה"ק אחרי). דורך איין תפלה מיט טרערן ווערן געעפענט די טויערן פון

הימל און אלע אנדערע תפילות גייען ארויף דערמיט (דברי יואל פר' עקב).

דער הייליגער רבי ר' יונתן אייבשיץ זי"ע שרייבט, אויב א מענטש דאווענט בכוונה מיט געוויין טראגט ער ארויף אלע תפילות פון עטליכע יאר וואס זענען געבליבן שטיין אינדערמיט און זיי גייען ארויף צום ריכטיגן ארט (יע"ד ח"א דרוש ד').

דאס אלעס איז נישט געזאגט געווארן בלויז אויף די תפילות שחרית און מוסף פון ראש השנה, נאר אויך תפילת מנחה, ווי דער הייליגער תולדות יעקב יוסף ברענגט אז תפילת שחרית פון די ימים נוראים איז מתקן אלע תפילת שחרית פון א גאנץ יאר, מנחה איז מתקן אלע תפילות מנחה, און מעריב איז מתקן אלע תפילות מעריב (תוי"י פר' שלח) דעריבער דארף מען געדענקען צו דאווענען יעדע תפלה מיט גרויס כוונה.

דער הייליגער חתם סופר ברענגט בשם הקדמונים, אז גאנץ עשרת ימי תשובה ווערן די תפילות נתעלה, יעדער טאג איז מעלה די תפילות פון יענעם טאג א גאנץ יאר, זונטאג איז מעלה דאס דאווענען פון אלע זונטאג'ס או"ו (דרשות דף ש"ע).

אין די חסיד'ישע ספרים ווערט געברענגט אז דער עיקר דאווענען מיט כונה אין די הייליגע טעג, דארף צו זיין ביי די געווענליכע תפילות וואס מען דאווענט א גאנץ יאר, נישט ווי מענטשן וואס מאכן א טעות אז די געווענליכע תפילות פון קרבנות, פסוקי דזמרה, קריאת שמע, און שמו"ע, דאווענען זיי שנעל אן קיין ספעציעלע כונה, נאר ווען עס קומט צו לקל עורך דין, ונתנה תוקף, וכדומה, דארט דאווענען זיי מיט התעוררות, דאס איז א גרויסער טעות, ווייל די געווענליכע תפילות זענען די עיקר דאווענען און די אנדערע זענען א טפל, און אין הימל ווערט נישט אנגענומען א טפל אנעם עיקר (יושר דברי אמת קו' ב' פכ"ב, ובסו"ס ליקוטים יקרים אות נ"ו דף קמ"ב ע"ב בשם הה"ק ממעזריטש זי"ע, ובס' אור תורה להה"מ ממעזריטש סי' רס"א ועוד).

# מעשה רב

## גיין צו תשליך

אין יאר תשל"ד, דער ערשטער יאר ווען מ'האט זיך באזעצט אין קרית יואל, איז דער רבי בעל דברי יואל זי"ע געווען אויף ר"ה אין וויליאמסבורג, דער גאנצער עולם האט זיך דאן גערישט ארײנצופארן צום רבי'ן אויף יו"ט, אבער דער רבי האט פארלאנגט אז עס זאל בלייבן א מנין אין קרית יואל.

אײדער דער רבי איז ארײנגעפארן איז ארײנגעגאנגען אל הקודש פנימה דער שליח ציבור וואס האט געדאווענט מוספין אין קרית יואל, נעמען א ברכה פונעם רבי'ן אז ער זאל מצליח זיין מיט זיין דאווענען פארן עמוד. האט ער דאן געפרעגט דעם רבי'ן ווען מען זאל גיין צו תשליך?

דער רבי האט זיך ארויסגעדרייט פון צו געבן א קלארע תשובה, ווייל אין שו"ע שטייט דאך באמת אז מען זאל גיין אין ראש השנה, אבער אבותינו הקדושים האבן זיך אלע געפירט אז מען גייט אין י"ג מידות, און דער רבי האט נישט געוואלט הייסן טון אנדערש ווי זיינע עלטערן האבן זיך געפירט.

אבער ווען דער משב"ק ר' עזריאל האט געפרעגט דעם רבי'ן אז "דער עולם איז דאך שוין פארטיג 2 אזייגער, ס'איז נישטא וואס צו טון אזא לאנגן נאכמיטאג" האט דער רבי געזאגט "נו ס'שטייט דאך אין שו"ע אז מ'זאל גיין צו תשליך"... (מס' קרית מלך רב)

*

## נאך היי יאר!

עס ווערט דערציילט אז א איד האט געפרעגט הרה"ק ר' יששכר דוב מבעלזא זי"ע אז ווען מען זאגט "ברוך עלינו את השנה הזא"ת" ערב ראש השנה ביי

מנחה, וואס דארף מען אינזינען האבן, דעם פארגאנגענעם יאר אדער דעם נייעם יאר?

האט דער בעלזער רב גענפערט אז מען דארף אינזינען האבן דעם פארגאנגענעם יאר, ווייל דאס ציינט אז מיר גלייבן אז ישועת השם כהרף עין, און נאך ביי מנחה ערב ראש השנה קענען מיר נאך געהאלפן ווערן מיט די אמת'ע ישועה.

*

## אויף וואס טוט א קינד תשובה?...

איינמאל שבת שובה ווען דער רבי בעל דברי יואל זי"ע איז נאך געווען א קליין קינד פון קוים פיר יאר, איז ער געזעסן אין בית המדרש ביי די "שבת שובה דרשה" פון זיין הייליגן טאטן דער קדושת יום טוב זי"ע, און ער האט זיך צוגעהערט ווי דער קדושת יו"ט זאגט מוסר מיט התעוררות פארן עולם אז מען זאל תשובה טון.

פלוצלונג זעען די אנוועזענדע ווי דאס קליין אינגעלע יואל'ישל הייבט אן ביטער צו וויינען... אויף זייער פראגע פארוואס ער וויינט האט ער געענטפערט "איך טו תשובה אויף מיינע עבירות"...

"וואס פארא עבירות קענסטו שוין האבן? דו ביסט דאך נאך א קליין קינד?" האבן די ארומיגע חסידים זיך געוואונדערט.

"נעכטן אינמיטן מיין טאט'נס טיש האב איך איינגעדרימעלט, און מען האט מיך געלייגט אין בעט שלאפן!"

"נו, וואס פארא עבירה איז דאס?" האבן די מענטשן ווידער געפרעגט.

"איך האב דאך נישט געליינט קיין קריאת שמע שעל המטה..." האט דאס קינד געענטפערט און זיך ווידער שטארק צעוויינט... (הכתב והמכתב ח"ה עש"ת ב')

אזוי אויך ווערט געברענגט אין ספר חסידים (סי' רנ"ו) אז דער וועלכער איז געווארענט צו זאגן סליחות מיט פיוטים און נישט די ברכות ותפילות פון שטענדיג, שטערט עס זיינע פיוטים און סליחות פון אנגענומען ווערן אין הימל. דעריבער זאל מען זיך נישט יאגן מיט פסוקי דזמרה, נשמת, קריאת שמע, און אוודאי נישט מיט שמונה עשרה צו קענען זאגן די פיוטים בציבור (יסוש"ה שער י"א פ"ב).

אין שו"ע ווערט געברענגט אז ראש השנה און יום כיפור מעג מען דאווענען אביסעלע העכער די שמונה עשרה, כדי דאס זאל צוהעלפן צו די כונה (סוסי' תקפ"ב וסי' ק"א ס"ג), אבער אויב עס קען זיין אז עס שטערט א צווייטן פון דאווענען, וואס ווערט דורכדעם צומישט זאל מען דאס נישט טון, ווייל לויטן זוה"ק און אריז"ל איז דאס זייער הארב (מג"א שם סק"ד ומט"א תקפ"ב סכ"ז).

## ליל ראש השנה

מען דאווענט מנחה זייער ערליך, מיט גרויס כונה ווייל דאס איז די לעצטע תפלה פון יאר.

נאך מנחה זאגט מען "אחות קטנה" וואו מען בעט אז דער שווערער יאר זאל זיך ענדיגן און עס זאל אנשטאט קומען א גוט געבענטשט יאר.

ביי די ערשטע תפלה פון מעריב דאווענט מען מיט גרויס כוונה, און מען דאווענט זייער שטאט, ווייל דאס איז די ערשטע תפלה פונעם נייעם יאר (מט"א תקפ"ב ס"א, חיד"א בעבודה"ק מו"ב אות ר"נ).

פון דעם מעריב אנגעהויבן זאגט מען ביי יעדן קדיש "לעילא לעילא" און "עושה השלום", ביי שמו"ע זאגט מען "זכרינו" "מי כמוך" "המלך הקדוש" "וכתוב" "בספר חיים".

ראש השנה ביינאכט נאכן דאווענען ווינטשט מען זיך איינער פארן צווייטן, ווי אויך פאר א טאטע אדער זיידע, "לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים" (אלת"ר איז ר"ת ל'א ת'אונה א'ליך ר'עה, ייט"פ), פאר א מאמע אדער באבע, שוועסטער, ווינטשט מען "לשנה טובה תכתבי ותחתמי". פאר מערערע

# ידיעות פון ראש השנה

## מאה קולות

**דער עיקר מצוה פון דעם יו"ט ראש השנה איז מצות תקיעת שופר, אזוי ווי דער יו"ט ווערט אנגערופן אין פסוק "יום תרועה" "זכרון תרועה", דעריבער וועלן מיר לערנען דעם סדר פון די תקיעות און די טעמים פארוואס מען בלאזט אויף דעם סדר.**

**חז"ל דרש'ענען אז וויבאלד עס שטייט 3 מאל אין די תורה תרועה, צוויי מאל ביי ראש השנה און איינמאל ביי יום כיפור פון יובל (אין פר' בהר) לערנט מען ארויס איינס פון די צווייטע אז יעדעס מאל דארף מען בלאזן דריי תרועה'ס.**

**אין פסוק שטייט 'והעברת שופר תרועה' וואס העברה טייטשט אדורכפירן א גראדע קול, לערנט מען ארויס אז פאר יעדע תרועה דארף מען בלאזן א תקיעה וואס דאס איז א גראדע קול, און פון דעם פסוק וואס שטייט נאכדעם 'תעבירו שופר בכל ארצכם' לערנט מען ארויס אז נאך די תרועה דארף מען נאכאמאל בלאזן א תקיעה.**

**ממילא ווייסן מיר שוין אז מן התורה איז מען מחויב צו בלאזן ראש השנה דריי מאל ת'קיעה ת'רועה ת'קיעה, וואס דאס איז 9 קולות.**

**וואס מיינט א תרועה?**

**דער תרגום זאגט אז תרועה טייטשט יבבא, וואס דאס איז ווי א מענטש וואס קלאגט, חכמינו ז"ל האבן געהאט אין דעם א ספק, צי דאס איז ווי א מענטש וואס וויינט שטארק אין ער לאזט ארויס קורצע אפגעהאקטע קולות, אדער קען זיין אז דאס זענען ווי מענטשן וואס האבן יסורים ר"ל און זיי קרעכצן פון ווייטאג לענגערע קרעכצן. טייל האבן געהאלטן אז יבבא מיינט ביידע אינאיינעם ווייל א**

ווינטשט מען "לשנה טובה תכתבנה ותחתמנה". פאר מערערע מענער ווינטשט מען "לשנה טובה תכתבו ותחתמו".

פון ראש השנה אינדערפרי ביז נאך יום כיפור, ווינטשט מען זיך איינער פארן צווייטן "גמר חתימה טובה" וויבאלד מען האלט דאך שוין אינמיטן דעם משפט איז דאך נישט שייך צו ווינטשן אויף די כתיבה, וואס קען שוין זיין אז עס איז שוין דערנאך, נאר מען ווינטשט אויף די חתימה. אויך צוליב דעם וואס יעדער האלט דעם חבר פאר א צדיק גמור וואס איז זיכער פארשריבן געווארן צו א כתיבה טובה גלייך אינדערפרי.

### מנהגי סעודה

מען פירט זיך צו עסן ביי די סעודה פארשידענע מאכלים וואס ווייזן אויף א גוט יאר. מען טינקט איין די מוציא אין האניג ביז נאך שמחת תורה, וואס ווייזט אויף א זיס יאר.

די צווייטע נאכט פירט מען זיך צו עסן א נייע פרי ווען 'שהחיינו'.

מען עסט א זיסן עפל איינגעטונקען אין האניג און מען מאכט א ברכה בורא פרי העץ (ווייל אויב מען עסט א פרי אינמיטן די סעודה דארף מען מאכן א ברכה), און נאכדעם וואס מען האט שוין געגעסן דערפון אביסל זאגט מען "יהי רצון מלפניך ה' אלקינו שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה" (אלה"מ סקי"ד).

מען פירט זיך צו נעמען א קאפ פון א שעפס, וואס עס איז דא דערביי א רמז צום איל פון יצחק אבינו, אנדערע נעמען א קאפ פון א פיש, און מען זאגט "יהי רצון שנהי' לראש ולא לזנב" (דער ייט"ל ברענגט בשם הה"ק רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער זי"ע אז לרא"ש איז ר"ת ל'עשות ר'צון א'בינו ש'בשמים).

מען פירט זיך צו עסן זיסע מייערן (מעהרן) און מען זאגט "יהי רצון שירבו זכיותינו".

קראנקער מענטש קרעכצט קודם לענגערע קרעכצן, און דערנאך צעוויינט ער זיך שטארק קורצע אפגעהאקטע קולות.

כדי יוצא צו זיין אלע ספיקות האט מען מתקן געווען אז מען בלאזט לויט אלע 3 שיטות, קודם בלאזט מען תקיעה (אלס והעברת שברים-תרועה (לויט די דעה אז יבבא מיינט ביידע סארט יבבות שטאטע און קורצע) תקיעה (אלס תעבירו שופר).

דערנאך בלאזט מען ת'קיעה ש'ברים ת'קיעה, כדי יוצא צו זיין די דעה אז יבבא איז נאר לאנגע קרעכצן, און לויט דעם איז דאך געווען א הפסק מיט דעם וואס מען האט פאר די צווייטע תקיעה איבערגעהאקט מיט א תרועה.

דערנאך בלאזט מען ת'קיעה ת'רועה ת'קיעה, כדי יוצא צו זיין די דעה אז יבבא איז א געוויין מיט קורצע אפגעהאקטע קולות און לויט דעם איז דאך געווען א הפסק מיט דעם וואס מען האט פאר די תרועה איבערגעהאקט מיט א שברים.

וויבאלד אין די תורה שטייט דאך 3 מאל תרועה ווי פריער דערמאנט, בלאזט מען דאס איבער דריי מאל נאכאנאנד, אזוי קומט אויס אז ביי תקיעת שופר (תקיעות דמיושב) בלאזט מען 30 קולות.

די הייליגע חכמים האבן אבער אויך מתקן געווען אז די תקיעות זאל מען בלאזן ביי מוסף (תקיעות דמעומד) צוטיילט צווישן די פסוקים פון מלכיות זכרונות שופרות, צווישן יעדע איינע איין "תרועה" פון די תורה ד.ה.

## יום ראש השנה

ראש השנה שטייט מען אויף גאר פרי פארן עלות השחר, ווייל ס'שטייט אין ירושלמי אז ווער עס שלאפט ר"ה בייטאג פארשלאפט זיין מזל א גאנץ יאר ר"ל, ווי אויך שטייט אז ווער עס איז פארשלאפן, דעמאלטס איז זיין מלאך וואס פארטיידיגט אים אין הימל אויך פארשלאפן און ער איז נישט מלמד זכות אויף אים געהעריג.

אויך ערוואקסענע קינדער דארפן אויפשטיין פרי (מט"א ס"א). אבער דאס איז נאר אויב מען נוצט אויס די צייט מיט תהלים זאגן אדער לערנען, איינער וואס גייט ליידיג און בטל'ט די צייט איז נאך ארגער ווי ער וואלט געשלאפן (אלף למטה סי' תקצ"ח סק"א).

די שליחי ציבור, בעל קורא, בעל תוקע, בעל מקריא, טוען אן א קיטל ראש השנה צום דאווענען. דאס גאנצע דאווענען ראש השנה דאווענט מען מיט א הארציגע נעימות'דיגע נוסח וואס איז מעורר דאס הארץ.

ביי "המלך" זינגט דער בעל תפלה מיט א ספעציעלן נוסח, און דער גאנצע ציבור שרייט "המלך", דערנאך זאגט דער ש"ץ ווייטער "יושב" אן א ה"א, (ווייל 'היושב' מיינט וואס ער זיצט געווענליך על כסא רם ונשא, אבער ראש השנה וואס דאן איז דער יום הדין, זאגט מען 'יושב' וואס איז טייטשט אז ער זיצט יעצט אויפן כסא רם ונשא). מען זאגט 'שיר המעלות ממעמקים' פסוק בפסוק.

נאך שחרית און נאך מנחה זאגט דער ציבור מיטן שליח ציבור "אבינו מלכינו" (שבת זאגט מען נישט אבינו מלכינו). ווען מען עפענט דעם ארון קודש פארן ליינען זאגט מען י"ג מידות מיט רבונו של עולם, ווען ר"ה געפאלט שבת זאגט מען נישט י"ג מידות מיט רבש"ע.

## תקיעת שופר

דער בעל תוקע ובעל מקריא גייען אין מקוה פאר תקיעת שופר, חסידי'שע אידן וואס פירן זיך צו גיין אין מקוה פאר יעדע מצוה גייען פאר תקיעת שופר אויך אין מקוה. מען גרייט זיך צו צו תקיעת שופר מיט די ריכטיגע הכנה דורכן אריינקוקן אין ספה"ק וואס רעדן ארום פון די געהויבענע ענינים פון תקיעת שופר.

רבותינו הקדושים זי"ע האבן זיך געפירט פאר תקיעת שופר צו זאגן א דרשת התעוררות מיט גרויסע בכיות, און מעורר זיין דעם ציבור צו התעוררות לתשובה.

פאר תקיעת שופר זאגט מען 7 מאל למנצח, און דערנאך זאגט מען די 6 פסוקים פון "מן המצר" פסוק בפסוק.

דער בעל תוקע מאכטביידע טעג די ברכה "אשר קדשנו במצוותיו וצונו לשמוע קול שופר" מיט א "שהחיינו" (מ'זאגט נישט ברוך הוא וברוך שמו) און די אלע וואס זענען יוצא ענטפערן אמן מיט כונה. די תקיעות וואס מען בלאזט פאר מוסף הייסן "תקיעות דמיושב" ווייל די וואס זענען יוצא מעגן זיצן, די תקיעות וואס מען בלאזט ביי די שטילע און ביי די הויכע שמונה עשרה הייסן "תקיעות דמעומד" ווייל מען ברויך שטיין.

מען טאר נישט אויסרעדן פון אנהויב תקיעות דמיושב ביז נאך די ענדע פון די תקיעות דמעומד, ד.ה. פון ווען דער בעל תוקע מאכט די ברכה ביז נאך קדיש תתקבל פאר 'קוה'.

## תפילת מוסף

נאך תקיעת שופר זאגט דער ש"ץ די פסוקים פון "אשרי העם" וואס דער ציבור זאגט נאך מיט גרויס התעוררות פסוק בפסוק, דערנאך זאגט דער שליח ציבור די תפלה "הנני העני ממעש".

ביי שמונה עשרה פון מוסף זאגט מען פסוקים פון מלכיות, זכרונות, שופרות, און מען איז מפסיק מיטן בלאזן שופר אינדערצווישן. ביי די שטילע שמונה עשרה שטעלט מען זיך אפ נאך די מלכיות און מעןווארט ביז דער ש"ץ ענדיגט, און ער קלאפט אויפן עמוד פאר א סימן, און דאן בלאזט מען שופר און מען דאווענט ווייטער, די זעלבע ביי זכרונות און שופרות.

## תשליך

ראש השנה נאך מנחה גייט מען צו תשליך. אויב עס קומט נישט אויס צו גיין ראש השנה גייט מען שלש עשרה מידות, און אזוי האבן זיך געפירט רבותינו הק' צדיקי בית סיגעט סאטמאר זי"ע. עס איז דא פלעצער ווי מען פירט זיך אז ווען ר"ה געפאלט שבת גייט מען דעם צווייטן טאג יו"ט צו תשליך.

מען גייט צום טייך זאגן תשליך, צו דערמאנען דעם זכות פון אברהם אבינו וואס איז געגאנגען צו די עקידה ביז די וואסער האט געגרייכט זיין האלז און ער האט געזאגט "הושיענו כי באו מים עד נפש". אויך ווערט געברענגט ווייל אין ראש השנה מאכט מען דעם אייבערשטן קעניגן אויף די גאנצע וועלט, און עס פלעגט זיין דער סדר צו זאלבן די קעניגן ביים וואסער (אלה"מ סק"ה).

ביי תשליך זאגט מען די פסוקים און תפילות וואס שטייט אין מחזור און מען שאקעלט אפ די עקן פון די קליידער. וואס דאס איז א רמז אז מ'איז זיך מקבל נאכצוקוקן אין אלע ווינקלען און עקן צו פארריכטן די מעשים וואס מען האט געטון, און זען אז פון היינט און ווייטער זאלן די קליידער זיין ריין אן קיין שום פלעק פון זינד.

**10 קולות. כדי צו פארמישן דעם שטן, אז ער זאל נישט קענען מקטרג זיין.**

**קומט אויס אז ביי די שטילע שמונה עשרה פון מוסף בלאזט מען סך הכל דרייסיג קולות, אזוי אויך ביי די הויכע שמונה עשרה בלאזט מען נאך דרייסיג קולות, האלט מען שוין ביי 90 קולות.**

**ביים סוף דאווענען, ביי קדיש, בלאזט מען נאך 10 קולות, כדי צו פארמישן דעם שטן, ער זאל נישט מקטרג זיין אז די אידן גייען אהיים עסן די סעודה און זיי פארכטן זיך נישט פונעם יום הדין. אינאיינעם בלאזט מען 100 קולות.**

**א כתיבה וחתימה טובה א גוט**

**געבענטשט יאר פאר אלע חשוב'ע טייערע תלמידים, יעדער זאל פארשריבן ווערן בספרן של צדיקים גמורים**